# צום פינטל

גליון סו
פרשת משפטים תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### אדם המזיק – דער אדם איז א מזיק

#### ◆ אדם הוא מזיק בעצם

איינער פון די מזיקין אין די פרשה איז 'אדם המזיק', בפשטות מיינט 'אדם המזיק' אז א מענטש האט פערצאפעל מזיק געווען, במקרה האט זיך געמאכט אז ער האט מזיק געווען, צו בשוגג אדער במזיד. אבער באמת ליגט אין דעם אויסדריק אסאך מער, 'אדם המזיק' מיינט אז דער מענטש בעצם איז א 'מזיק', דאס איז זיין עצם, דער גוף בעצם איז 'דרכו להזיק', נאר מיט די 'כח הדעת' איז זיך דער מענטש מתגבר, דאס איז די עומק פון 'אדם המזיק'.

ס'הערט זיך שרעקעדיג אז דאס זאל זיין דער מהות פונעם מענטש, אבער לאמיר זען וואס די גמרא זאגט.

די גמרא אין בבא קמא (דף ד ע"א) שטעלט זיך מיט א תמיה 'אדם דרכו להזיק'? פארוואס רעכנסטו דער מענטש צווישן די 'מזיקין' וואס זענען 'דרכן להזיק', צו דען איז דער מענטש 'דרכו להזיק'? און די גמרא ענטפערט אז ווען דער מענטש שלאפט, ציט ער די פיס אריין און ארויס, און דעמאלטס איז עס א סדר אז דער 'אדם' זאל מזיק זיין.

און ס'קומט דארטן אויס פון די מפרשים (שיטה מקובצת) אז דער 'אדם' ווערט 'אפגעסטעמפלט' מיטן נאמען 'מזיק', ווייל ווען ער שלאפט איז ער 'מזיק', אפילו במציאות ווען ער איז אויף, איז ער דאך נישט קיין 'מזיק', אבער היות ווען ער שלאפט איז ער א 'מזיק', ווען ער שלאפט איז 'דרכו להזיק', קען מען שוין סטעמפלען אויף אים אז ער איז א 'מזיק' בעצם.

די עומק פון די גמרא איז אז די שלאפן איז נאר א 'סימן' וויאזוי די גוף פירט זיך אויף ווען ער פארלירט די 'דעת', אויב די זעעסט ביים שלאפן ווען די 'דעת' ווערט נסתלק, אז דער גוף ווערט א מזיק, מיינט דאס אז דאס איז די עצם פונעם גוף, דאס איז די מציאות און די מהות פונעם גוף מצד עצמו, די גוף אָן די כח הדעת איז א מזיק.

בשעת דער מענטש איז אויף, האלט ער זיך אין קאנטראל מיט די כח הדעת, אבער די גוף מצד עצמו אָן די כח הדעת, ווען ער ווערט אן כעס און ער פארלירט זיך וכדומה, אלע אופנים וואס די 'דעת' ווערט נסתלק, דאן וועט ארויס קומען די עצם מציאות פונעם גוף וואס איז א 'מזיק'. און אין קארצען ווערט דאס אנגערופן מיט די פילע טיפקייט, 'אדם המזיק'.

> **'אדם המזיק' מיינט אז דער מענטש בעצם איז א 'מזיק', דאס איז זיין עצם, דער גוף בעצם איז 'דרכו להזיק'**

און מ'דארף נישט אויף דעם צו סאך ראיות, איינער וואס קען אביסל היסטוריה ווייסט וואס דער 'אדם' האט שוין אלץ חרוב געמאכט אויף די וועלט, די גרעסטע 'ניזקין' זענען ארויסגעקומען פון דעם מענטש, מליאנען מענטשן זענען שוין געשטארבן פון דער 'מזיק' וואס הייסט 'מענטש', במציאות איז דער 'אדם' די גרעסטע 'מזיק' אויף דער וועלט (יתכן אפילו מער ווי מגיפות).

#### ◆ קטנים דרכן להזיק

א 'קטן' פארשטייט יעדער איינער אז ער איז בעצם א 'מזיק', א 'קטן' איז גרייט אלעס מזיק צו זיין, ער האט נאר מורא פון זיינע עלטערן און פון זיינע מלמדים, אבער ער בעצם איז א 'מזיק'. די זעלבע א ערוואקסענע מענטש, א מענטש בעצם צוט צו הפקירות, א מענטש מצדו צוט צו מזיק זיין אלעס וואס קומט אים אונטער, נאר די כח הדעת קאנטראלירט אים, די כח השכל צווינגט דעם מענטש זיך צו האלטן אין די ראמען.

שטייט אין די משנה (בבא קמא פרק ח משנה ד) 'חרש שוטה וקטן פגיעתן רעה'. די משנה ווארענט, שטיי אוועק פון די חברה, טראכט נישט אז זיי זענען סתם 'קטנים', וואס קענען שוין 'קטנים' טון, 'קטנים' זענען 'פגיעתן רעה', 'קטנים' זענען ווי 'שוטים', די קענסט נישט גארנישט פארלאנגען פון זיי, די קענסט זיי נישט רופן צום בית דין, די קענסט זיי נישט שטעלן אין פלאק, די קענסט זיי נישט אויפאדערן פאר גארנישט, איז בעסער שטיי אוועק פון זיי.

מ'זעט במציאות אז 'קטנים' אין די סקונדע וואס זיי האבן נישט קיין 'עול' פון די עלטערן און פון די מלמדים, פירן זיי זיך אויף ווי בהמות און חיות רעות, ווען די עלטערן און די מלמדים זעהן נישט, 'בארדעווען' זיי ארום וויפל ס'לאזט זיך. זיי בעצם זענען 'מזיקים', 'בארדאקעס', נאר די עלטערן און די מלמדים שטעלן זיי אביסל אין קאנטראל.

אזויווי מ'זעהט אין די גאנצע תורה אז א 'קטן' איז נישט קיין בר דעת, ווען ס'קומט צו היזקות איז עס במיוחד, א קינד האט א עקסטערע נייגער אלעס צו טאטשן און אויסצופראבירן, אלעס צוברעכט ער. ווי די לשון הגמרא אין אסאך פלעצער, דרכו של תינוק לפרה, דרכו של תינוק לטפח, דאס איז די מציאות פון א קינד, א 'מזיק' (בצד מה איז ער נישט בגדר מענטש, דער מלבי"ם אין אילת השחר איז מחלק אז א קטן איז בגדר 'אדם' נאר נישט בגדר 'איש', אבל כפי הנראה אז לפעמים איז ער נישט בגדר 'בן אדם', אזויווי א שוטה וואס איז נישט בגדר 'בן אדם' בצד מה).

#### ◆ ממון המזיק

אין די פרשיות פון נזיקין איז דא 'אדם המזיק' און ס'איז דא 'ממון המזיק' (קרן שן רגל בור און אש). די הלכה איז אז 'אדם המזיק' טראגט מער אחריות ווי 'ממון המזיק', ווי די משנה זאגט (בבא קמא דף כו) 'אדם

המשך בעמוד הבא

מועד לעולם בין ער בין ישן בין באונס בין ברצון', 'לחייב על השוגג כמזיד ועל האונס כרצון', מה שאין כן 'ממון המזיק' איז פטור אויף 'אונס' (עי' ברשב"א בב"ק דף כח בד"ה אמאי מה שמחלק בין אונס דממון המזיק לבין אונס דאדם המזיק).

דארף מען פארשטיין וואס איז דער 'מחלק' צווישן די צוויי, פארוואס איז 'אדם המזיק' יא חייב אויף 'אונס', און 'ממון המזיק' איז נישט חייב אויף 'אונס'. די הלכה אז א 'אונס גמור' איז 'אדם המזיק' אויך פטור, אזוויי אין כל התורה כולה וואס מ'איז פטור אויף אונסים (בבא קמא דף כז בתוס' ד"ה ושמואל), אבער ס'איז דא א געוויסע דרגא פון 'אונס' וואס איז מבואר אז דארטן איז דא די חילוק צווישן 'אדם המזיק' און 'ממון המזיק', דארף מען פארשטיין וואס איז דער 'מחלק' צווישן זיי.

די פשוטע חילוק וואלט מען געזאגט אז 'אדם המזיק' איז 'בידים', און 'ממון המזיק' איז נישט 'בידים', 'ממון המזיק' איז נאר ווי א 'גורם' וכדומה, ממילא איז עס גרינגער ווי 'אדם המזיק'. אבער ס'איז שווער ווייל 'ממה נפשך' אויב איז 'ממון המזיק' נישט 'בידים', דאן פַּטֵר אים אינגאנצן, און אויב פארעכנסטע אים ווי 'בידים', דאַן פארוואס ווען ס'קומט צו 'אונס' איז ער שוואכער ווי 'אדם המזיק', פארוואס ביי אונס ביסטו מער מקיל.

### ◆ הממון כחלק מן האדם

דער אוצר עיונים (בבא קמא סימן א) האט א גרויסע אריכות צו מחלק זיין צווישן 'אדם המזיק' און 'ממון המזיק', די מהלך דארטן איז אז די צוויי זענען צוויי וועלטן, 'אדם המזיק' איז א 'מזיק בידים', און 'ממון המזיק' איז נאר ווי א 'גורם', מסברא וואלט מען געדארפט פטר'ן 'ממון המזיק', 'ממון המזיק' איז א חידוש התורה אז מ'איז חייב (די שאלה ווערט דארט געפרעגט אויף פארשידענע אופנים, פון רבי שלמה זלמן אויערבאך ברענגן זיי די שאלה אזוי, אז 'ממון המזיק' וואלט געדארפט זיין נאר ווי א 'גורם').

און על פי זה לויפט א חקירה דארט וואס איז די חיוב פון 'ממון המזיק', די חיוב איז ווייל ער האט נישט גוט געהוטן, די 'חיוב שמירה' ברענגט די חיוב התשלומים, אדער די עצם זאך איז ס'איז די ממון פון די בעלים, דאס ברענגט די חיוב התשלומים. דאס הייסט אז די תורה האט מחייב געווען בתשלומים אויף נזקי ממונו, ווייל די תורה האט עס פארעכנט אזוויי גופו, כאילו ס'וואלט געווען א מזיק בידים.

אבער כפי הנראה איז נישט ריכטיג אפצוטיילן אזוי שטארק צווישן 'אדם המזיק' און 'ממון המזיק', מ'זעט אין גמרא אסאך פלעצער אז ביידע איז די 'חיוב תשלומים' ווייל ער האט נישט גוט געהוטן, ביי 'אדם המזיק' האט ער נישט גוט געהוטן זיין גוף, און ביי 'ממון המזיק' האט ער נישט גוט געהוטן זיין ממון, זיין שור בור מבעה הבער. מ'זעט נישט אין גמרא אין ערגעץ אז 'אדם המזיק' איז שטערקער ווייל ס'איז בידים, און מ'זעט נישט אין ערגעץ אז 'ממון המזיק' זאל נאר זיין בגדר 'גרמא'.

די גמרא (בבא קמא דף ד ע"א) זאגט 'אדם שמירת גופו עליו', 'אדם המזיק' איז 'חייב' ווייל ער האט א 'חיוב שמירה' אויף זיך, די לשון הגמרא איז 'שמירת גופו עליו', און 'ממון המזיק' איז 'שמירת ממונו עליו', און די לשון הגמרא הייסט דאס 'ושמירתן עליך' (עי"ש בדף ד ע"א). ממילא איז נישט ריכטיג צו מאכן אזא גרויסע שניט צווישן די צוויי, נאר סיי 'אדם המזיק' און סיי 'ממון המזיק', ביידע איז די חיוב וועגן א 'חיוב שמירה' וואס ליגט אויף די בעלים.

### ◆ די אייגענע ממון איז ווי זיין גוף

די אוצר עיונים ברענגט דארט פון ר' שמעון שקאפ (ב"ק סי' א) און פון דברות משה, אז 'מעשה ממונו' ווערט פארעכנט ווי 'מעשה גופו' ווייל ער האט עס נישט גוט געהוטן, די נישט גוט הוטן דאס מאכט אז 'מעשה ממונו' זאל ווערן נתייחס צו אים, אז זיין ממון זאל ווערן ווי א דרגא פון 'גופו המזיק', א דרגא פון 'אדם המזיק'.

אויף פרעמדע 'ממון' איז נישט דא קיין 'חיוב שמירה', אבער אויף די אייגענע 'ממון' איז דא א 'חיוב שמירה', די אייגענע 'ממון' פון א מענטש ווערט ווי א חלק פון אים זעלבסט, דער מענטש בטבע נעמט א 'עול' צו הוטן זיין גוף, די גוף זאל נישט ארויס גיין פון די גבולים און מזיק זיין, און ער נעמט א 'עול' צו הוטן אויך זיין 'ממון', אז זיין ממון זאל נישט ארויס גיין פון די גבולים און מזיק זיין.

שמירת ממונו איז ווי א המשך פון 'שמירת גופו', דער מענטש מיט זיין 'כח הדעת' דארף האלטן שמירה סיי אויף זיין גוף וואס איז נאנט צו אים, און סיי אויף זיין ממון וואס איז אביסל ווייטער פון אים, ער דארף אריינעמען די ממון ווי א חלק פון אים, און הוטן אויף די ממון אזוויי ער דארף הוטן אויפן גוף, ער דארף האלטן קאנטראל אויף ביידע. סיי אויף די בהמה'ישקייט פון די אייגענע גוף, די אייגענע חיה'שקייט און בהמה'שקייט, און סיי אויף די בהמות וחיות פון זיין נכסים און פון זיין ממון.

### ◆ אדם מועד לעולם

די הלכה איז 'אדם מועד לעולם' אפילו אויף 'אונס', און 'ממון המזיק' איז פטור אויף 'אונס', האט מען פריער געפרעגט וואס איז די חילוק, ביי ביידע איז דאך די חיוב תשלימים מכח די 'חיוב שמירה', אבער די חילוק איז אז מ'קען מער פארלאנגען א שמירה אויפן גוף ווי אויפן ממון, אויך אויפן 'ממון' קען מען פארלאנגן שמירה, די 'ממון' פונעם מענטש איז ווי א חלק פון אים זעלבסט, און די 'כח הדעת' וואס קען האלטן דעם גוף אונטער קאנטראל, קען אויף האלטן די 'ממון' אונטער קאנטראל, אבער נישט אויף די זעלבע דרגא און לעוויל ווי ביי דעם גוף, די ממון איז ווייטער ווי דעם גוף.

דאס איז די מציאות אין די 'סירקעל' פונעם מענטש, די מענטש איז אינדערמיט, און ערשטע און די נאנסטע זאך צו 'זיך' איז דער 'גוף', נאכדעם קומט די געלט און די נכסים און אזוי ווייטער. איז ווען די 'כח הדעת' און די 'כח השמירה' קומט אָן צום גוף, איז עס נאך בכל התוקף, מ'קען פארלאנגען אז דער 'כח הדעת' זאל הוטן די גוף נישט מזיק צו זיין אפילו באונס, אבער ווען די 'כח הדעת' קומט אָן צו די 'ממון', איז עס שוין אסאך שוואכער, מ'קען שוין נישט פארלאנגען אויף 'אונס'. וועגן דעם איז די הלכה אז אדם המזיק איז חייב אפילו באונס, און 'ממון המזיק' איז פטור אויף אונס.

מ'קען פארלאנגען פון א מענטש ער זאל האבן אחריות אויף זיך, אפילו ווען ער איז אין א שלעכטע מאט, און מען קען מען אויך פארלאנגען ער זאל האבן אחריות אויף זיין 'ממון', אפילו ווען זיין ממון איז אין א שלעכטע מאַט, אפילו ווען די בהמה איז א 'מועד' וכדומה, ס'איז די זעלבע כח הדעת. אבער פארט איז דא א חילוק ווי געשמועסט, אז פארט איז די כח הדעת שטערקער ביי שמירת הגוף, ממילא איז די הלכה אז ער דארף הוטן זיין גוף נישט מזיק צו זיין אפילו באונס, און די ממון דארף ער נישט הוטן אויף אונס.

## טבע השמירה בבריאה

אין די פרשה לערנט מען די 'חיוב שמירה' פון די ארבעה אבות נזיקין, און די חיוב שמירה פון די ד' שומרים, איז לאמיר כאפן א שמועסעלע וועגן די 'טבע השמירה' וואס ס'איז דא אין די בריאה, ווי סאך די ענין פון 'שמירה' און 'סעפטי' קומט אריין אין יעדער דיטעל אין די בריאה.

די טבע פון 'שמירה' אין די בריאה, דארף מען נישט צו סאך מסביר זיין ווי כללות'דיג דאס איז, א האלבע בריאה לויפט אויף 'שמירה', דער אייבישטער האט דיזיינט זיין בריאה מיט 'שמירה', אלע פירות וואקסן מיט א 'שומר לפרי', אלעביימער וואקסן מיט א שאלאכץ פאר א 'שומר'. אלע 'בעלי חיים' האבן א 'עור' אויף זיך פאר 'שמירה'. די גאנצע גוף פונעם מענטש און פון די בעלי חיים איז אויסגעשטעלט מיט שמירה, די ביינער וואס הוטן די הארץ, די גאנצע 'עמיאן סיסטעם' וואס הוט אפ פון אלע ווירעסן, און אזוי ווייטער.

אויך די גאנצע הילוך החיים פונעם מענטש איז ארומגענומען מיט שמירה, שמירת החושים, שמירת הגוף, שמירת הבגדים, שמירת הנכסים, שמירת המדינה, שמירת העולם, שמירת הטבע, און אזוי ווייטער.

שמירת החושים איז מבואר זייער אסאך אין חז"ל און אין די ספרים הקדושים, די אויגן דארפן שמירה, די אויערן דארפן שמירה, און פארשטייט זיך אז די מויל דארף שמירה, אלע חושים דארפן שמירה. די חושים זענען ווי די טירן און פענסטערס צום מענטש, דארטן ביי די חושים קומט אריין די גאנצע אינפארמעישן, ממילא דארפן די מקומות מער שמירה, מ'דארף די 'שומרים' ביי די טירן.

## לקבץ הכל סמוך לו לשומרם

א גרויסע חלק פונעם מענטש'ס פרטיות'דיגע לעבן גייט אוועק אויף 'שמירה', דער מענטש הוט זיך, נישט צו ווערן געשעדיגט, און ער הוט זיך נישט צו שעדיגן אנדערע. אויך די 'רכוש' זיינער הוט ער, סיי נישט צו ווערן געשעדיגט, און סיי נישט צו שעדיגן אנדערע.

די טבע פון א מענטש אז ווי מער זיינע כוחות זענען צושפרייט, זענען זיי ווייניגער אפגעהוטן, און ווי נענטער זיי זענען צוזאמען ארום אים, זענען זיי מער אפגעהוטן. און דאס איז די 'כח השמירה' צוזאמצונעמען די כוחות נאנט צו זיך און ארום זיך, אזוי אז ס'זאל זיין גוט אפגעהוטן. (א אונטערסאנטע זאך האב איך אמאל געהערט אז צווישן די צמחים איז דא א סארט 'צמח' וואס פארמאכט זיך צו הוטן, ווען ס'איז אויסגעשפרייט קען ער ווערן געשעדיגט וכו').

'מרבה נכסים מרבה דאגה', זיין כח השמירה איז צושפרייט אין אלע זיינע פארמעגנס. דער 'עני' האט זיין ביסל וואס ליגט גלייך לעבן אים, ער קען אכטונג געבן אויף דעם אונגאנצן, דער עושר אבער וואס זיינע נכסים זענען צשפרייט, איז אויך זיין כח השמירה צושפרייט, וואס דאס ברענגט א ריבוי דאגה.

די שורש איז פון די הארץ, בייטאג שפרייט די הארץ אויס זיינע כוחות אין אלע אברים, ביינאכט נעמט די הארץ צוזאם אלע כוחות אין זיך אריין, 'מכל משמר נצור לבך', די הארץ נעמט אלעס צוזאם זיי זאלן זיין גוט אפגעהוטן, און צופרי עפענט ער זיך אויף און שפרייט זיך אביסל אויס, דערנאך ביינאכט מאכט ער זיך צוריק צו, און אזוי טאג איין טאג אויס.

און אזוי גייט עס מיט אלע קנינים פון דער מענטש, בייטאג זענען די טירן אפען און דער מענטש גייט ארויס מיט זיינע כלים צום ארבעט, ביינאכט נעמט ער אלעס צוריק צוזאם ארום זיך, ער פארשליסט די טירן פאר 'שמירה'. צופרי עפענט ער די טירן און שפרייט זיך אביסל אויס אזוי נעכטן, און אזוי גייט עס טאג נאך טאג, ער שפרייט זיך אויס, אבער ער ברענגט אלעס צוריק פאר שמירה.

בטבע וועט א מענטש פראבירן צו בלייבן ווי נענטער צו זיין הויז, אפילו ער פארט אוועק איז אלץ די חשבון ווי שנעל וועט מען זיין צוריק, אפילו א מענטש וואס פארט גאר אסאך אינדערוויטנס, ער פארט אסאך ארום אויף די וועלט, אבער פון צייט צו צייט וועט ער מאכן זוכער אהיים צוקומען, ווייל דאס איז די טבע פון 'שמירה' אז דער מענטש צוט צוזאם אלע זאכן ארום זיך, ארום זיין נקודת הקביעות.

אויך די נפש פונעם מענטש איז געבויט אויף דעם, ווען דער נפש איז צושפרייט און מפוזר איז ער צורידערט, ווען ער איז מער צוזאם גענומען און אפגעהוטן איז ער מער רואיג. אלעס גייט אזוי, ווי מער צוזאמגענומען, איז עס מער אפגעהוטן, די 'כרכים המוקפין חומה' אמאליגע צייטן, זענען געווען מער אפגהוטן ווי די 'כפרים', די כרכים זענען געווען צוזאמגענומען אינעם חומה, און די כפרים זענען געווען צוברעקלט און צושפרייט אויף די פעלדער, אזוי ווי היינט אז א געגענט פון הייזער איז מער צוזאמגענומען און שווערער צו גנב'נען, ווייל אויב די כוחות זענען צוזאמגענומען איז עס מער אפגעהוטן.

> **די גאנצע הילוך החיים פונעם מענטש איז ארומגענומען מיט שמירה, שמירת החושים, שמירת הגוף, שמירת הבגדים, שמירת הנכסים, שמירת המדינה, שמירת העולם, שמירת הטבע, און אזוי ווייטער**

## שמירה ושלילי

די נקודה פון 'שמירה' איז אריינגעבויט אין די גאנצע סיסטעם פונעם מענטש, אין יעדער זאך קומט אריין חשבונות פון 'שמירה', זאל איך יא טון די זאך אדער נישט, רוב חשבונות אין קאפ דרייט זיך אויף 'שמירה'. פון איין זייט טראכט ער אז ער וועט פארדינען אויב ער וועט יא טון די זאך, אבער פון די אנדערע זייט קומט אריין 'שמירה', ער פאנגט אָן צו חשבונ'ן צו ער קען דערלייגן, אפשר לוינט זיך נישט וכדומה, אלעס חשבו'נט זיך אויף שמירה.

אין ביזנעס איז דאך אפגערעדט, אלע חשבונות לויפן אויף דעם, זאל מען ענדערשט אינוועסטן און מאכן געלט, אדער ענדערשט אפהוטן די געלט ביי זיך אין 'בענק אקאנט', ביי זיך אין סעיוו. זאל מען טון די שידוך, אדער זאל מען זיך הוטן, אפשר פאלט מען אריין. זאל מען עסן און הנאה האבן, אדער

המשך בעמוד הבא

זאל מען זיך ענדרשט הוטן די געזונט.

אז די וועסט אריינטראכטן וועסטו זען אז כמעט יעדער 'ניין', איז בעומק קומט פון 'שמירה', זאל מען גיין צו יענער אונטערסאנטע פלאץ, זאל מען זיך אויסשפרייטן אביסל, אדער ענדערשט בלייבן אינדערהיים און זיך הוטן, הוטן די גוף און צומאל הוטן די כבוד וכו'. זאל מען טון א גוטע זאך און גיין צום חבר'ס חתונה, אדער ענדערשט זיך האלטן ביי זיך און זיך אפהוטן, אלעמאל דער 'ניין' און די 'שלילי' וועט קומען פון דעם אז מ'וויל זיך הוטן (זכור ושמור, כל 'שלילי' בבריאה היא בכלל 'שמור').

## בעלות שמירה ואחריות

די עול אפצוהוטן א זאך ליגט אויף די בעלים, די 'דעת' פון די בעלים איז א גאנצע צייט קאנעקטעט צו זייערע נכסים, און דאס איז א כלל אין די סוגיות פון 'שמירה' און 'אחריות', אז שמירה און אחריות איז אלעמאל א סימן פון 'בעלות'.

די הלכה איז אז די 'בעלים' קענען איבער געבן זייער 'שמירה' פאר אנדערע, זיי טראגן די עול און די אחריות, אבער זיי נעמען צומאל איינעם וועם זיי טראסטן, און זיי שטעלן יענעם פאר א שומר וועמען זיי ממנה צו זיין, און מיט דעם באקומען די 'שומרים' א שטיקל 'בעלות', א שטיקל פון די אחריות און די שמירה ליגט אויף זיי, וואס מיט די נקודה גייען זיי אריין תחת הבעלים.

די עיקר בעלות איז פאר פארדינסטן, אלע חפצים וואס א מענטש האט 'בעלות' אויף דעם, איז כדי עפעס הנאה צו האבן און צו פארדינען, אבער כדי צו קענען הנאה האבן פון די זאך, דארף ער נעמען אחריות און שמירה אפצוהוטן אז די זאך אז ס'בלייבט טאקע זיינס און ס'ווערט נישט ניזק.

ווען די בעלים געבן איבער זייער שמירה פאר א שואל, דער שואל גייט אריין תחת הבעלים סיי אויף די חלק הנאה, און סיי אויף די חלק אחריות און שמירה, אויך ווען זיי געבן עס איבער פאר א שומר שכר, גייט דער 'שומר שכר' אריין תחת הבעלים צו פארדינען די שכר פארן שמירה.

א 'שומר חנם' איז א גרויסע מחלוקת צו ס'איז דא ביי דעם 'בעלות', ווי ס'איז מבואר די מחלוקת ראשונים אין הלכות פסח סימן תמא, אויב א שומר חנם איז מחויב מבער צו זיין די חמץ פון זיין רשות, ס'איז דא ראשונים וואס האלטן אז א 'שומר חנם' הייסט נישט קיין בעלים, ער דארף נישט מבער זיין די חמץ וואס ער הוט אפ. אנדערע האלטן אז ער דארף עס יא מבער זיין, עפעס גייט ער יא אריין תחת הבעלים, והא ראיה אז ער האט די חיוב אחריות און שמירה אנשטאט די בעלים.

די ערשטע שיטה האלט אז היות דער שומר חנם האט נישט קיין הנאה, הייסט ער נישט קיין בעלים, און אויך די חיוב פון אחריות און שמירה ליגט נישט באמת אויף אים, ער איז זיך נאר מקבל נישט צו פושע זיין, נישט צו קאליע מאכן די זאך בקום ועשה, ער נעמט נישט די חיוב פון אחריות און שמירה באמת, ממילא הייסט ער נישט קיין שומר. און די צווייטע שיטה האלט אז ניין, היות למעשה איז ער מקבל אויף זיך א געוויסע דרגא פון אחריות ושמירה, די אחריות נישט צו פושע זיין, הייסט ער יא א שטיקל בעלים.

ס'איז דא אסאך סוגיות וואס רעדן וועגן דעם, צו 'אחריות' מאכט די זאך ווי זיינס, אין סימן רמו אין הלכות שבת קומט עס אריין ביים פארקויפן א בהמה פארן גוי צו קענען ארבעטן שבת, איז די נושא דארט אין וועמנס אחריות ס'ליגט, דער וואס האט די 'אחריות' ער ווערט ווי די בעלים. אויך אין הלכות ריבית רעדט מען אסאך ארום פון 'אחריות' וואס דאס מאכט, וועלכע דרגא אחריות, און ווי שטארק מ'ווערט ווי די בעלים.

## רבים ושמירה

דער 'יחיד' איז אסאך פארנומען מיט 'שמירה', און אויך פאר די 'רבים' איז 'שמירה' א גרויסע עסק, יעדער מדינה האט פילע חוקים צו פארזוכערן די 'שמירה' אין די מדינה, א רשות הרבים אין א גוטע מדינה איז דא שמירה, און וואס איז מער פון דעם וואס די גאנצע מהות פון א 'מדינה' איז געבויט אויף שמירה, אויף שמירה פון די מליטער און די פאליציי.

ווי סאך דער יחיד איז פארנומען מיט 'שמירה', איז נאך דער רבים אסאך מער פארנומען מיט שמירה. אלע קהילות ארבעט אויף 'שמירה', אלע פילע ארגענזאציעס וואס זענען דא איז אלעס צו הוטן און מציל זיין, שומרים הצלה און אזוי ווייטער און ווייטער, אלעס איז געבויט אויף די נקודה פון 'שמירה'.

'שמירה' איז די כח הדעת וואס איז דא אין די בריאה, און ווי די זעסט שמירה איז דאס א סימן אויף 'דעת', א הפקר'דיגע זאך ווערט נישט אפגעהוטן, א הפקר'דיגע זאך האט קיינער נישט קיין דעת אויף דעם, א הפקר'דיגע זאך ווערט לייכט געשעדיגט און שעדיגט אנדערע, און דאס איז די כח פון דעם ערליכן יוד וואס לייגט אריין אסאך כוחות אין 'שמירה' אין די רוחניות'דיגע ענינים, א ערליכע יוד ברענגט אריין די 'דעת' און די 'כח השמירה' אין רוחניות, ער איז די בעלים אויף זיך אכטונג צו געבן אויף זיין רוחניות.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

1. שיעורים מהתקופה האחרונה | 2. שיעורים | 3. דיבאטעס | 4. יום יומי שיעורים | 5. על הפרשה | 6. משנה וגמרא | 7. הלכה | 8. מוסר וחסידות |
9. סיפורי צדיקים | 10. אינטערסאנטע טאפיקס | 11. שבת | 12. מועדים | 13. נשואין | 14. פארבערגען | 15. מדרש | 16. סליידס (שקופיות) | 17. הצגות |

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com
או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,
נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com

עיצוב: י.ב. 972-50-413-8477+